## קאַפּיטל פיר

1 און בשעת זיי האָבן גערעדט צום עולם, זענען
אויף זיי געקומען די כהנים און דער מיליטער־
רישער הויפּטמאַן פונם בית המקדש און די
2 צדוקים, ווייל זיי זענען געווען זער אויפגעבראַכט
צוליב דעם, וואָס זיי לערנען דאָס פאָלק און זאָגן
3 אָן תחית המתים דורך ישוען, און האָבן אַרויפ־
געלייגט די הענט אויף זיי, און זיי איינגעזעצט
אין תפיסה ביז אינדערפרי; וואָרום עס איז שוין
4 געווען אָוונט. אַ סך אָבער וואָס האָבן געהערט
דאָס וואָרט, האָבן געגלויבט; און די צאָל פון די
מענער איז געווען אַן ערך פינף טויזנט.
5 און עס איז געשען, אינדערפרי זענען זיך צונויפ־
געקומען זייערע שרים און די זקנים און די סופרים
6 אין ירושלים און חנן דער כהן גדול, און קיפא און
יוחנן און אַלעקסאַנדער, און אַלע, וואָס זענען
7 געווען פון דעם כהן גדולס משפחה. און מען
האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין דער מיט, און
געפרעגט: מיט וועלכן כח, אָדער מיט וועלכן
8 שם האָט איר דאָס געטון? דעמלט איז פּעטרוס
פול געוואָרן מיט דעם רוח הקודש און האָט
געזאָגט צו זיי: איר שרים פונם פאָלק און
9 זקנים פון ישראל, אויב מען איז אונז היינט
חוקר ודורש וועגן דער טובה צום קראַנקן
מענטשן, דורך וואָס ער איז געהיילט געוואָרן,
10 זאָלט איר אַלע וויסן און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל,
אַז אין דעם נאָמען פון ישוע המשיח איש נצרת,
וועמען איר האָט געקרייציקט, וועמען ג־ט האָט
אויפגעוועקט פון די טויטע, דורך דעם דאָזיקן שטייט